**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 9/24/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 96 מיליאן דאלארדיגע האוזינג און שטאטישע באנייאונג פראיעקט אין איטעקע**

***שטאט צענטער דעוועלאפמענט רעכנט אריין 181 אינגאנצן עלעקטראנישע, ביליגע און שטיצנדע היימער, הערליכע קאנפערענץ צענטער***

***אינוועסטירונג באגלייט די "Southern Tier Soaring" (דרום טייל – זיך אויפהייבנדיג) – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

***זעהט בילדער [דא]()***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט אז די ארבעט איז שוין אונטערוועגנס אויף א נייע 96 מיליאן דאלארדיגע ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט און קאנפערענץ צענטער אין די שטאט צענטער פון איטעקע. 'עסטערי איטעקע' (Asteri Ithaca) וועט געבויט ווערן אויף די מערב חלק פון די גרין סטריט פארקינג גאראדזש – וועלכע וועט צוווארפן ווערן אלץ טייל פון די ברייטע שטאטישע באנייאונג פראיעקט. די ענערגיע-שפארזאמע, אינגאנצן עלעקטראנישע געביידע וועט האבן אין זיך 181 ביליגע אפארטמענטס, מיט 40 היימער וועלכע וועלן אוועקגעלייגט ווערן פאר מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס צו קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"מיר זענען איבערגעגעבן צו ערמעגליכן פאר ניו יארקער הויכע קוואליטעט, באקוועמע היימער וואו זיי קענען וואוינען און שפילן אין די קאמיוניטיס וואו זיי האבן ליב", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "'עסטערי איטעקע' איז א וויכטיגע חלק פון די גוט-אויספלאנירטע שטאטישע באנייאונג פלאן וואס ברענגט וויכטיגע, ביליגע היימער מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר די וועלכע דארפן דאס, און אויך א הערליכע קאנפערענץ צענטער וועלכע וועט העלפן דערנעבנדע ביזנעסער וואקסן. דאס איז די וועג פאר א שטאט צו בויען איר צוקונפט."

די איטעקע שטאטישע באנייאונג אגענטור (Ithaca Urban Renewal Agency) האט אנגעהויבן אננעמען פארשלאגן אין 2017 פאר א שטאטישע באנייאונג פראיעקט צו רענאווירן די גרין סטריט פארקינג גאראדזש. די פראיעקט באשטייט פון דריי טיילן: ביליגע האוזינג, א קאנפערענץ צענטער און די גרין סטריט פארקינג גאראדזש'ס רענאוואציע און קאנסטרוקציע. אלע דריי טיילן ווערן באזונדער פינאנצירט.

די ביליגע אפארטמענטס און די 55,000-סקווער-פיסיגע קאנפערענץ צענטער וועלן זיין אין די זעלבע 12-שטאקיגע געביידע. די 62 מיליאן דאלארדיגע וואוינונג טייל אויף די אויבערשטע ניין שטאק וועלן אריינרעכענען 78 סטודיא, 87 איין-שלאף-צימערדיגע, אכט צוויי-שלאף-צימערדיגע און אכט דריי-שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס. די אפארטמענטס וועלן זיין געגנוג ביליג פאר פאמיליעס וואס פארדינען 80 פראצענט אדער וויייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income) זיך צו קענען ערלויבן.

פערציג אפּארטמענטס זענען אוועקגעלייג פאר מענטשן וועלכע זענען אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס. זיי וועלן בענעפיטירן פון געלטער געשאנקען דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אונטערנעמונג (Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI) צו טאמפקינס קאמיוניטי אקציע (Tompkins Community Action, Inc.) וואס וועט ווערן איבערגעגעבן דורך די אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף (Office of Temporary and Disability Assistance, OTDA).

אלע איינוואוינער פון די דעוועלאפּמענט וועלן צוגעשטעלט ווערן אומזיסטע אינטערנעט סערוויסעס, מיט יעדע יוּניט אויסגעשטאט מיט די דראטן פאר G5 צוטריט, אריינרעכענענדיג ווייפיי ראַוטערס. איינריכטונגען וועלן אריינרעכענען א צוועלפטע שטאק הימל טעראסע, דרויסנדיגע הויף און א דזשים און קאמיוניטי צימער אויפן פערטע שטאק. איינוואוינער וועלן אויך האבן צוטריט צו א מיטגעטיילטע צימער צו וואשן וועש אויף יעדע צווייטע שטאק, און אינעווייניגע בייק סטארעדזש אויף די אונטערשטע שטאק.

די מזרח טייל פון די גרין סטריט פּארקינג גאראדזש וועט רענאווירט און פארברייטערט ווערן צו אריינרעכענען 350 פּארקינג פלעצער, מיט פלעצער וואס די געביידע איינוואוינער וועלן קענען ליסן.

'עסטערי איטעקע', פלאצירט ביי 118 איסט גרין סטריט, איז עטליכע מינוט צו גיין צופיס פון די 'איטעקע קאַמאנס', סיטי האָל, רעסטוראנטן, שאַפּס, מעדיצינישע אפיסעס און פראפעסיאנאלן'ס אפיסעס. די דעוועלאפּמענט איז נאענט צו Six-Mile Creek Trail, דעוויט פארק, און Cascadilla Gorge Trail. די טאמפקינס קאַנסאַלידעיטעד עיריע טראנזיט'ס איטעקע קאַמאַנס - גרין סטריט סטאפּ איז נאענט, און מער פון 10 באס ליניעס שטעלן זיך אפ דארט.

די ענערגיע-שפּארזאמע, אינגאנצן עלעקטראנישע געביידע וועט ווייטער שטופן די סטעיט'ס ציהלן אונטער די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act) פון אנקומען צו 85 פראצענט קאַרבאן-לאזע ענערגיע ביז 2050. אלע אפּארטמענטס וועלן האבן נידעריגע פלוס פלאמבינג איינריכטונגען, מיט פענסטער און מעבל וואס קומען נאך די 'ענערדזשי סטאַר' סטאנדארטן. אין צוגאב איז די געביידע ערווארטעט צו נאכקומען די סטאנדארטן פון די EPA ענערדזשי סטאַר מולטי-פאמיליע פילשטאקיגע פראגראמען און פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA)'ס נייע קאנסטרוקציע האוזינג פראגראם.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 62 מיליאן דאלארדיגע וואוינונגען טייל פון די 'עסטערי איטעקע' רעכנט אריין 11 מיליאן דאלאר אין פערמאנענטע באנדס וועלכע זענען פטור פון טעקס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן 26.3 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 19.8 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). NYSERDA וועט צושטעלן $550,000 אין שטיצע. עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) שטיצט די קאנפערענץ צענטער מיט 5 מיליאן דאלאר דורך א ראיאנישע קאונסיל קעפּיטעל גרענט.$5

דער דעוועלאפּער פון 'עסטערי איטעקע' איז די Vecino Group. איטעקע סיטי, טאמפקינס קאונטי, די טאמפקינס קאונטי אינדוסטריאלע אנטוויקלונג אגענטור (Tompkins County Industrial Development Agency) און די איטעקע שטאט צענטער פארבאנד (Downtown Ithaca Alliance) שטעלן צו באדייטנדע פינאנציעלע שטיצע פאר די קאנפערענץ צענטער און פאר די רענאוואציע פון די איבערבלייבנדע טייל פון די גאראדזש.

**HCR קאמישאנער רוּט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** "'עסטערי איטעקע' וועט צוגעבן צו די לעבעדיגקייט און ענערגיע וואס איטעקע'ס שטאט צענטער דארף צו ווייטער בליהען. מיט ביליגע רענט, אומזיסטע אינטערנעט, אויסערגעווענטליכע איינריכטונגען און שטיצנדע סערוויסעס, וועלן די 181 פאמיליעס וועלכע וועלן קורצליך זיך אריינציהען אין די אפארטמענטס האבן די נויטיגע כלים צו קענען פירן סוקסעספולע לעבנס. און איבער דעם אלעם, וועט די ענערגיע-שפארזאמע דעזיין מאכן א געזונטערע אטמאספערע און אונז ברענגען נאענטער צו נאכקומען די סטעיט'ס קאַרבאן רעדוקציע ציהלן. מיר גראטולירן די Vecino Group און מיר באדאנקען אלע מיטארבייטער וועלכע האבן די זעלבע בליק ווי אונז צו בויען לעכטיגע און לעבעדיגע שטאט צענטער דעסטינאציעס איבער די גרויסע סטעיט ניו יארק."

'עסטערי איטעקע' איז טייל פון די סטעיט'ס 20 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע אונטערנעמונג צו גיבן פאר ניו יארקער צוטריט צו זיכערע האוזינג וואס זיי קענען זיך ערלויבן. די פלאן – וואס איז יעצט אין איר לעצטע יאר – מאכט האוזינג צוגענגליך, און עס באקעמפט היימלאזיגקייט דורך בויען און אויפהאלטן מער פון 100,000 יוּניטס פון ביליגע האוזינג און 6,000 יוּניטס פון שטיצנדע האוזינג.

דורכאויס די לעצטע צען יאר האט די HCR אינוועסטירט מער פון 230 מיליאן דאלאר אין די דרום טייל פון די סטעיט צו פינאנצירן כמעט 2,650 ביליגע אפארטמענטס אין דעוועלאפמענטס פאר מערערע פאמיליעס, אן אינוועסטירונג וואס האט אויסגענוצט מער פון 376 מיליאן דאלאר אין געלטער פון אנדערע מקורות. כמעט 36 מיליאן דאלאר פון HCR'ס סך הכל ארטיגע אינוועסטירונגען האבן געפירט צו דאס שאפונג פון איבער 400 אפּארטמענטס אין איטעקע.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט טשיעף אפערעיטינג אפיסער און עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישאנער, קעווין יוּנעס, האט געזאגט,** "די נייע קאנפערענץ צענטער און אפארטמענטס פאר פאמיליעס מיט פארשידענע שטאפלען פון איינקונפט אין 'עסטערי איטעקע' זענען אין די הארץ פונעם שטאט, נאענט צו ביזנעסער, פובליק טראנספארטאציע און צו טייל פון איטעקע'ס אייקאנישע טאלן און גרינע שטחים. מיר זענען שטאלץ צו זיין א שותף אין די פראיעקט וואס ווייזט ארויס ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו סטראטעגישע אינוועסטירונגען וואס פארשטערקערט לאקאלע און ראיאנישע עקאנאמיעס בשעת'ן שאפן מער לעבעדיגע שטאט צענטערן ארום די סטעיט."

**OTDA קאמישאנער מייק היין האט געזאגט,** "היימלאזיגקייט און נישט האבן א זיכערע דאך איבערן קאפ קומען אפט אלץ רעזולטאט פון טיפערע פראבלעמען וועלכע בלייבן נישט אדרעסירט. 'עסטערי איטעקע' וועט צוזאמפארן ביליגע האוזינג צוזאמען מיט די שטיצנדע סערוויסעס אויף וועלכע די טענאנטס וועלן זיך קענען פארלאזן צו זיך ספראווען מיט די פראבלעמען וועלכע האבן פון בעפאר בייגעשטייערט צו די פראבלעם מיט סטאבילע האוזינג. אונטער גאווערנאר האוקאל'ס פירערשאפט מאכט אונזער סטעיט ווייטער פארשריט אין די ריכטונג פון פארזיכערן אז אלע ניו יארקער קענען האבן זיכערע האוזינג וואס זיי קענען זיך ערלויבן און די סערוויסעס אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן צו קענען לעבן אויף א זעלבסטשטענדיגן אופן."

**דאַרין מ. העריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "NYSERDA'ס שטיצע פאר די גרויסע ביליגע האוזינג פראיעקט וועט העלפן פארזיכערן אז נידעריגע-איינקונפט איינוואוינער פון די דרום טייל פון די סטעיט קענען האבן האוזינג וואס נעמט אריין אין זיך גוט ארבעטנדע, ענערגיע-שפארזאמע איינריכטונגען אינעווייניג און אינדרויסן פאר פארמערטע באקוועמליכקייט, געזונטהייט בענעפיטן און נידעריגערע ענערגיע קאסטן. די אינוועסטירונגען אין די דעוועלאפמענט פון די 'עסטערי איטעקע' פראיעקט דעמאנסטרירט די סטעיט'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס איבערן סטעיט, און אין די זעלבע צייט, צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן פון די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע."

**סענאטאר טאם אָומארא האט געזאגט,** "'עסטערי איטעקע' פארשפרעכט א באגייסטערנדע און וויכטיגע קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקט. עס וועט פארשענערן איטעקע סיטי און גאנץ טאמפקינס קאונטי דורך צוגעקומענע הויכע-קוואליטעט און ביליגע האוזינג פאר לאקאלע איינוואוינער, און אזוי אויך, א נייע קאנפערענץ צענטער און אנדערע איינריכטונגען וועלכע וועלן העלפן אונטערשטיצן די לאקאלע עקאנאמיע. די סארטן פון צוזאמענארבעט צווישן די סטעיט און לאקאלע רעגירונגען שטעלן אהער ווירקזאמע וועגן אויף פאראויס פאר קאמיוניטיס דורכאויס אונזער ראיאן און איבער גאנץ ניו יארק."

**אסעמבלי מעמבער ענע ר. קעליס האט געזאגט,** "אונזער נויט פאר ביליגע און שטיצנדע האוזינג איז גאר וויכטיג און עס איז נאך גרעסער געווארן דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע. די 'עסטערי' פראיעקט פאר מערערע באנוצן וועט אונז העלפן זיך רוקן פאראויס אויף די לאנגע וועג צו האבן גענוג ביליגע און שטיצנדע האוזינג. די קאנפערענץ צענטער וועט אנפילן א לאך אין די קאמיוניטי פאר א פלאץ זיך צוזאמצוקומען, און עס וועט באדייטנד פארמערן טוריזם אינמיטן די וואך צו פארשטערקערן אונזערע לאקאלע טעגליכע און נאכטליכע שטאט צענטער עקאנאמיעס, ברענגנדיג די גאר נויטיגע סטאביליטעט פאר ארבייטער אין די גאסטגעבער אינדוסטריע."

**לעסלין מקבין-קלעירבאָורן, טשעיר פרוי פון די טאמפקינס קאונטי לעגיסלאטור, האט געזאגט,** "דאס איז א טראנספארמאטיווע דעוועלאפמענט פאר אונזער קאמיוניטי. צוזאמפארנדיג א קאנפערענץ צענטער וואס וועט צוציהען טויזנטע באזיכער צו טאמפקינס קאונטי צוזאמען מיט הויכע-קוואליטעט, גאר נויטיגע, ביליגע האוזינג איז א שעפערישע צוגאנג וואס וועט ווייטער ממשיך זיין צו מאכן איטעקע'ס שטאט צענטער א לעבעדיגע פלאץ וואו צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן. טאמפקינס קאונטי איז שטאלץ צו שטיצן די פראיעקט, און באדאנקט אונזערע קאמיוניטי מיטארבייטער, די Vecino Group, און ניו יארק סטעיט פאר זייער פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו מאכן די פראיעקט פאר א מציאות."

**ריק מאנזארדאָו, פרעזידענט פון די Vecino Group, האט געזאגט,** "איטעקע'ס נויט פאר ביליגע האוזינג איז גאר גרויס, און 'עסטערי איטעקע' וועט גיין א לאנגע שטרעקע אין די ריכטונג פון די ציהל, און אין די זעלבע צייט, אויך פארמיידן היימלאזיגקייט אין טאמפקינס קאונטי. ווען מען מישט אויס די האוזינג מיט די ברייטערע ווירקונג אויף די קאמיוניטי דורך די קאנפערענץ צענטער און די פארברייטערטע פארקינג גאראדזש, ווערט עס נישט נאר א לייזונג פאר איטעקע, נאר א אמת'דיגע טראנספארמאטיווע פראיעקט פאר די גאנצע ראיאן. די מאס פון שותפות און צוזאמענארבעט וואס די Vecino Group האט באקומען אין איטעקע – פון ערוויילטע בעאמטע און סטעיט און לאקאלע רעגירונג אגענטורן ביז איטעקע'ס ביזנעס אייגנטימער – ווייזט אויף א קאמיוניטי וואס עס גייט זיין אן וועגן – און ארבעטן צו מאכן – א בעסערע צוקונפט פאר יעדן."

**גערי פערגוסאן, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די איטעקע שטאט צענטער פארבאנד, האט געזאגט,** "די גרין סטריט גאראדזש שטח איבערמאכונג איז א געוואלדיגע רייע פראיעקטן וועלכע ברענגען גאר נויטיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג, אינגאנצן נייע גאראדזש פארקינג און א לאנג-ערווארטעטע קאנפערענץ צענטער. אלע פון די דריי פראיעקטן זיצן פונקט אינמיטן פון איטעקע'ס שטאט צענטער, נעבן די 'קאָמאַנס' און 'צענטער איטעקע', סיטי האל און אונזער פובליק לייברערי. זיי וועלן צוזאמען מאכן די שטאט צענטער א שטערקערע, מער לעבעדיגע און ווארעמע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

**העדער מקדעניעל, פרעזידענט פון די איטעקע ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג (Ithaca Area Economic Development), האט געזאגט,** "די טאמפקינס קאונטי אינדוסטריאלע אנטוויקלונג אגענטור האט צוגעשטעלט די פיל נויטיגע הילף צו קענען פארענדיגן די פראיעקט. מיר זענען דאנקבאר צו האבן אזעלכע איבערגעגעבענע שותפים ביים טיש מאכנדיג פובליק און פריוואטע איינריכטונגען

וועלכע ווען פארשטערקערן אונזער שטאט צענטער, עס מאכנדיג א לעבעדיגע און אקטיווע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

**לאקאלע אנטוויקלונגע קערפערשאפט (Local Development Corporation) פרעזידענט, דזשעניפער טאווארעס, האט געזאגט,** "די וויכטיגע עקאנאמישע און טוריזם אנטוויקלונג פראיעקט איז די רעזולטאט פון די שווערע ארבעט, צוזאמענארבעט און אינוועסטירונגען פון מערערע מענטשן, ארגאניזאציעס און אגענטורן איבער די משך פון די לעצטע פינף יארן. אונזער שטאב איז גאר שטאלץ און דאנקבאר אז די איטעקע שטאט צענטער קאנפערענץ צענטער וועט זיך עפענען אין 2023, א דאנק די שטיצע פון לאקאלע און סטעיט בעאמטע, קאמיוניטי מיטארבייטער און די Vecino Group – אלע וועלכע האבן געהאט די זעלבע בליק ווי אונז פאר די פראיעקט און אינוועסטירן אין איטעקע'ס שטאט צענטער."

**מעיאר סוואנטעי מיריק האט געזאגט,** "איבער די לעצטע צען יאר האבן א צאל פראיעקטן געהאלפן טראנספארמירן און צוריק אויפלעבן איטעקע'ס שטאט צענטער. דאס – צוזאמען מיט די רענאוואציע פון די 'קאַמאַנס' אליין – איז די גרעסטע און מערסט וויכטיגע פראיעקט ביזן היינטיגן טאג. דאס וועט גיבן פאר הונדערטע ארבעטנדע מענטשן די געלעגנהייט צו וואוינען אין צענטער פון שטאט, שאפן נייע דזשאָב געלעגנהייטן אין די קאנפערענץ צענטער, אונטערשטיצן אונזער טוריזם עקאנאמיע און צושטעלן מער פארקינג פלעצער. מיר זענען גאר באגייסטערט מיט די שותפות'ן וואס ערמעגליכן אזא היסטארישע פראיעקט!"

**שטופן 'Southern Tier Soaring' אויף פאראויס**

די היינטיגע אנאנס איז א חלק פון 'Southern Tier Soaring' (דרום טייל - זיך אויפהייבנדיג), די ראיאן'ס ברייטע בלופּרינט וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצעטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן טעכנאלאגישע פארשריט. יעצט טוט די ראיאן פארשנעלערן 'Southern Tier Soaring' מיט א 500 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך די אָפּסטעיט ווידער-אויפלעבונג אונטערנעמונג. די סטעיט'ס 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט באלוינען פריוואטע ביזנעסער וועלכע וועלן אינוועסטירן היבש מער פון 2.5 ביליאן דאלאר – און די ראיאן'ס פלאן, לויט וויאזוי עס איז ארייננגעגעבן געווארן, זאגט פאר 10,200 נייע דזשאבס. מער אינפארמאציע קען מען זעהן [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך אויסשרייבן